קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה

## מכ"ק מרן אדמו"ר זי"ע

## פרשת לך


יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם

וועד להוצאת

ספרי רבינו זצוק"ל

שע"י קהל דברי יחזקאל

שינאווא

גליון י"א - שנת תשפ"ד לפ"ק


· אידיש ·


כל הזכויות שמורות

בס"ד

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון

יכולין להשאיר הודעה על הטעל.
845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שע"י קהל דברי יחזקאל
שינאווא

## וְהֶאֱמִן בַּה׳ וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה.

**א)** רש״י לערנט פשט, אז דער אייבערשטער האט פאררעכנט אלס א זכות און א ׳צדקה׳ פאר אברהם אבינו - דאס וואס ער האט געגלייבט.

פרעגט דער **רמב״ן:** וואס איז די גרויסע רבותא אז אברהם אבינו האט געגלייבט אינעם אייבערשטן? ער איז דאך געווען א נביא און האט דאך געזען נבואה. ובפרט צו הערן אזא גוטע בשורה, אז ער וועט האט האבן קינדער, נו, פארוואס זאל ער נישט וועלן גלייבן?

**ב)** דער **עבודת ישראל** זאגט א טייטש, אז אברהם אבינו האט געוואוסט ביי זיך, אז דאס וואס ער גלייבט אינעם אייבערשטן, איז נישט זיין אייגענעם כח, נאר דאס איז א ׳צדקה׳ וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אים אז ער האט אים אריינגעגעבן אמונה. לכאורה איז שווער: פארוואס אויף אלע זיינע אנדערע מעשים טובים שטייט נישט ׳ויחשבה לו צדקה׳, און נאר ווען עס איז געקומען צום ׳והאמין׳, האט אברהם אבינו געהאלטן אז דאס איז עפעס אזא גרויסע זאך, וואס עס איז גארנישט שייך צו צושטעלן מיט זיינע אייגענע כוחות, נאר דאס איז א צדקה פונעם אייבערשטן?

**ג)** דער **בעל הטורים** ברענגט א מסורה פון דריי פסוקים וואו עס שטייט ׳וַיַּחְשְׁבֶהָ׳: ״**הכא ויחשבה לו צדקה. ואידך ויחשבה לזונה גבי תמר** (בראשית לח, טו). **ויחשבה עלי לשכורה גבי חנה** (שמואל א׳ א, יג)״. דארף מען פארשטיין דעם שייכות צווישן די דריי פסוקים.

**ד)** אין מדרש (ב״ר מד, א) שטייט: ״**האל תמים דרכו - זה אברהם שנאמר** (נחמיה ט) **ומצאת את לבבו נאמן לפניך, אמרת ה׳ צרופה - שצרפו הקב״ה בכבשן האש**״. בפשטות זעט אויס פונעם מדרש, אז דער ׳ומצאת את לבבו נאמן לפניך׳ איז געווען, דורכן נסיון פונעם כבשן האש. אז דורכדעם וואס ער האט זיך געלאזט אריינווארפן אין פייער, און נישט לייקענען אין דער אמונה, איז ארויסגעקומען בגלוי, אז אברהם אבינו׳ס הארץ איז געטריי און ׳נאמן׳ פארן אייבערשטן. און אזוי לערנט מען בפשטות אפ די אלע עשרה נסיונות, אז עס איז געווען א ׳מבחן׳ און א ׳גילוי׳ צו זען וואו שטארק ער איז געטריי צום אייבערשטן, צי ער וועט חלילה דורכפאלן אדער ער וועט זיך

האלטן שטארק. אבער לויט דעם איז שווער, וואס איז דער צושטעל וואס דער מדרש שטעלט עס צו צום ענין פון 'צירוף' וואס מען איז 'מצרף' א כלי אינעם כבשן האש - וואס ביי א כבשן ווערט די כלי ערשט יעצט שטארק דורכדעם וואס מען לייגט עס אריין אינעם כבשן, און נישט אז עס איז שוין פריער געווען שטארק און עס קומט נאר יעצט ארויס בהתגלות?

**ה)** אויך דארף מען פארשטיין דעם פסוק 'ומצאת את לבבו נאמן לפניך', פארוואס לויבט דער פסוק אויס אברהם אבינו דוקא מיט זיין הארץ, מען ווייסט דאך אז אברהם אבינו איז געווען דער גרויסער חוקר וואס ער האט משיג געווען די אמונה דורכן שכל, נו, וואלט דער פסוק ענדערש געדארפט אויסלויבן זיין מח און זיין שכל, נישט זיין הארץ?

**ו)** די משנה זאגט (אבות ה, ג): "**עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו עליו השלום ועמד בכולם**" - אברהם אבינו איז געווארן אויספרובירט מיט צען נסיונות, און ער איז אלעס בייגעשטאנען. דאס איז א זאך וואס מען טרעפט נישט ביי יצחק און נישט ביי יעקב, נאר בלויז ביי אברהם. דארף מען פארשטיין, פארוואס טאקע האט דוקא אברהם געמוזט דורכגיין אזויפיל נסיונות?

**עס** קען אפשר זיין אזוי. עס איז באקאנט אין די ספרים, דער **קדושת לוי** רעדט דערפון (פרשת פקודי ד"ה ובצלאל בן אורי), און דער **נועם אלימלך** רעדט אויך דערפון (קדושים ד"ה א"י וכי תזבחו), אז עס זענען פארהאן צוויי מדרגות אין אמונה: איין מדרגה איז, אז דער מענטש איז חוקר מיט חקירות און מיט שכליות, ביז ער קומט אן צו הויכע השגות אין גדלות הבורא. און די צווייטע מדרגה איז, אז דער מענטש גייט מיט א תמימות, ער פארשטייט נישט קיין גרויסע זאכן, נאר ער טוט אלע מצוות מיט א פשוט'ע אמונה, וואס ער גלייבט אז אזוי האט דער אייבערשטער געהייסן און מען דארף אים פאלגן.

**אויבנאויף** זעט אויס פונעם קדושת לוי און פונעם נועם אלימלך, אז די ערשטע מדרגה וואס א מענטש איז זיך מייגע צו משיג זיין גדלות ה' מיט שכל און מיט התבוננות איז חשוב'ער און גרעסער. אבער וויפיל דאס איז טאקע גרעסער און העכער, מוז מען אבער - נאך די גאנצע

עבודה פון התבוננות און שכליות - אנקומען צו אן אמונה פשוטה; ווי דער **זרע קודש** (פרשת בשלח ד"ה או יאמר ויושע) זאגט, אז אפילו נאכדעם וואס א מענטש איז משיג געוואלדיגע השגות, מוז ער נאכאלץ האבן די בחינה פון דער פשוט'ער אמונה, ווייל א מענטש קען דאך משיג זיין בלויז אויף ווי ווייט זיין שכל גייט, און א מענטש איז דאך א מוגבל, קען דאך זיין שכל נישט משיג זיין דעם אייבערשטן אליינס כביכול; ווי עס שטייט (תיקו"ז יז.) "לית מחשבה תפיסא ביה כלל", און ווי דער פסוק זאגט (איוב יא, ז): "החקר אלוק תמצא", ממילא מוז ער האבן די אמונה פשוטה צו גלייבן מיט א פשוט'קייט אז עס איז דא א באשעפער וועמען מען קען גארנישט משיג זיין.

**עס** קען זיין, אז דאס וואס די ספרים זאגן, אז דער 'בעל השגה' איז אויף א העכערע מדרגה ווי דער מענטש וועלכער האט בלויז 'אמונה פשוטה', דאס רעדט מען נאר פון אזא איינעם וואס ער האט נישט די כוחות אריינצוגיין אין קיין שכליות, ער האט א פשוט'ן שכל און ער איז צוגעוואוינט צו גיין מיט א תמימות און מיט אמונה פשוטה - פון אזא מענטש איז טאקע דער בעל השגה אויף א העכערע מדרגה, וויבאלד ער האט זיך געמוטשעט מיטן שכל, ביז ער האט משיג געווען א השגה אינעם בורא כל עולמים. אבער אזא איינער וואס ער איז שוין אנגעקומען צו הויכע השגות, און מיט דעם אלעמען, לייגט ער שפעטער אוועק זיין גאנצע שכל'דיגע עבודה און גלייבט מיט אמונה פשוטה - דאס איז נאך א העכערע מדרגה! ווייל ער איז דאך צוגעוואוינט צו נוצן דעם שכל און צו לעבן שטענדיג מיט חקירות און השגות, ממילא איז דאך דאס א געוואלדיגע רבותא אז ער האט געהאט דעם כח זיך מבטל צו זיין און גלייבן מיט א פשוט'ע אמונה, און דאס איז אסאך א העכערע מדרגה אן קיין שיעור וערך.

**מען** קען אפשר זאגן, אז דער וועג וויאזוי א מענטש ארבעט זיך אויס, און קומט אן צו דער מדרגה אוועק צולייגן אלע זיינע חקירות און גלייבן מיט אמונה פשוטה איז, דורכדעם וואס ער זעט זאכן אין הנהגת ה' וואס ער פארשטייט נישט מיטן שכל; ווי דער ענין פון 'צדיק ורע לו רשע וטוב לו' (ברכות ז.) וכדומה, וואס דעמאלט איז נישט שייך אז ער זאל גיין מיט חקירות; ווי מען זעט, אז אפילו משה רבינו האט געבעטן (שמות לג, יג): "הודיענו נא את דרכיך", וויבאלד עס איז נישט שייך אז א מענטש זאל דאס קענען משיג זיין,

נאר מען מוז עס אננעמען מיט אמונה פשוטה. און דורכדעם לערנט ער זיך אויס, אז אפילו ווען עס קומט צו השגת הבורא, זאל ער אויך קענען מבטל זיין דעם שכל און גלייבן מיט אמונה פשוטה אז 'לית מחשבה תפיסא ביה כלל'.

**עס** איז דאך באקאנט אז אברהם אבינו איז געווען דער 'חוקר האמיתי' וואס מיר האבן נישט קיין השגה וואס עס הייסט אברהם אבינו'ס השגה. אז מען קוקט אריין אינם עבודת ישראל (פ' וירא ד"ה במד"ר ר"א בשם ר"ש) און אינם זרע קודש (פ' תבוא ד"ה השקיפה[א]) זעט מען, אז אברהם אבינו האט משיג געווען 'כל התורה כולה' צוזאמען מיט אלע 'צירופי התורה'. דאס איז דאך א זאך וואס איז אפשר 'אין סוף'! אויך, דער ספר יצירה איז דאך מיוחס צו אברהם אבינו, וואס דאס איז א בחינה וואס די גמרא זאגט (ברכות נ"ה.) אויף בצלאל: "יודע היה בצלאל לצרף אותיות שנבראו בהן שמים וארץ", און דאס אלעס האט אברהם אבינו משיג געווען מיט זיין שכל! דאס איז דאך ממש מורא'דיג! און נאכן אנקומען צו אזעלכע השגות, האט ער מצמצם געווען אלע זיינע השגות און התבוננות'ן, און איז אריינגעגאנגען אין א פשוט'ע אמונה! דאס איז געווען א מורא'דיגע מדרגה פון געטריישאפט צום אייבערשטן. און דעריבער לויבט אים דער פסוק אויס מיט זיין הארץ, "ומצאת את לבבו נאמן לפניך", די תורה לויבט בכלל נישט אויס זיין מח און זיינע השגות, אין די פסוקים ווערט דאס נישט דערמאנט, נאר אין מדרשי חז"ל שטייט עס. ווייל דער עיקר גרויסקייט פון אברהם איז געווען, אז נאך זיין גאנצע השגה - איז ער געווען א שטיק אמונה, א שטיק "והאמין בה"! זיין הארץ איז געווען 'נאמן' פארן אייבערשטן.

**מיט** דעם ווערט פארענטפערט די קושיא פונעם רמב"ן, אז וואס איז די גרויסע רבותא אז א נביא זאל גלייבן? ווייל די רבותא דא איז, אז נאך אלע גרויסע השגות - טאמער איז ער אנגעקומען צו א פלאץ וואו ער האט נישט געקענט פארשטיין מיטן שכל - האט ער אוועקגעלייגט אלע חקירות און השגות וואס ער האט שוין משיג געווען און געגלייבט מיט אמונה פשוטה. און מיט דעם איז ער געווען א 'יחיד בדורו', צו גלייבן בפשטות -

[א] וע"ע פרשת חיי ד"ה במדרש ואברהם זקן.

נאך אזעלכע חקירות. און אזוי אויך פארשטייט מען דעם פשט פונעם עבודת ישראל, אז אברהם האט געהאלטן, אז דער מורא׳דיגער כח וואס ער האט דא, צו גלייבן בפשטות - נאכן האבן אזעלכע הויכע השגות - דאס איז נישט קיין מענטשליכער כח, נאר דאס קומט פונעם אייבערשטן.

**לויט** דעם קען מען זאגן, אז דער פשט פון די ׳עשר נסיונות׳ איז נישט געווען ווי א ׳מבחן׳ צו זען צי ער וועט עומד זיין דערין אדער נישט, נאר דאס זענען געווען צען פעלער וואו עס איז געווען קושיות אויף דער ׳הנהגת הבורא׳, און ער האט דאס נישט געקענט פארשטיין מיטן שכל. ווייל טאמער וואלט ער אלעס פארשטאנען מיטן שכל - וואלט דאס דאך בכלל נישט אריינגעגאנגען אינעם גדר פון א נסיון. און דורך די אלע נסיונות האט ער זיך אויסגעלערנט אוועקצולייגן דעם שכל און גיין מיט אמונה פשוטה. און דערפאר איז דוקא אברהם - וואס ער איז געווען דער גרויסער חוקר - דורכגעגאנגען די צען נסיונות, וואס די אנדערע אבות הקדושים זענען נישט דורכגעגאנגען.

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם מדרש: ״**האל תמים דרכו - זה אברהם שנאמר ומצאת את לבבו נאמן לפניך, אמרת ה׳ צרופה - שצרפו הקב״ה בכבשן האש**״. אז דורך די אלע נסיונות, איז ער געווארן אויסגעלייטערט און ׳מצורף׳, אזויווי א נייע כלי אינעם כבשן האש. ווייל דורכדעם וואס ער האט נישט געפרעגט קיין קושיות, נאר געגלייבט מיט א פשוט׳ע אמונה - האט ער באקומען א געטרייע הארץ פארן אייבערשטן, ביז ער איז אנגעקומען צו דער דרגא פון ׳ומצאת את לבבו נאמן לפניך׳.

**עס** קען זיין, אז דאס איז אויך די בחינה פון דער ׳מעשה תמר׳. תמר האט געהאט א מורא׳דיגן רצון אוועקצושטעלן דעם ׳מלכות בית דוד׳, וואס דאס איז דער גאנצער קיום פון כלל ישראל. אבער זי האט געזען אז פון הימל שטעלט מען אונטער שוועריקייטן, און די גאנצע זאך פירט זיך עפעס אויף א ׳דרך לא דרך׳, וואס האט בכלל נישט געפאסט פאר אזא קדושה און מיוחסת, זי איז דאך געווען א טאכטער פון שם, און זי איז דאך געווען אזא אשה קדושה וואס זי איז געווען גרייט צו גיין אין פייער, כדי נישט צו פארשעמען יהודה׳ן, וואס פון דא לערנען חז״ל ארויס (ברכות מ״ג:): ״נוח לו

לאדם שיפיל עצמו לתוך כבשן האש ואל ילבין פני חברו ברבים. מנלן - מתמר, שנאמר: היא מוצאת וגו׳״. נו, פאר אזא גרויסע צדיקת האט דאך אודאי נישט געפאסט על פי שכל צו טון אזא מעשה פון ״ותשב בפתח עינים וכו׳ ויחשבה לזונה״, נאר וויבאלד זי האט געזען אז אזוי פירט מען צו פון הימל, און זי האט דאך געהאט אזא שטארקן רצון צו אויפשטעלן מלכות בית דוד - האט זי אוועקגעלייגט איר שכל און געטון א מעשה וואס איז ממש ׳היפך השכל׳! ווייל ווען עס קומט צו טון רצון הבורא - איז נישטא קיין שכל! אלעס איז בטל ומבוטל צום רצון ה׳.

**די** זעלבע זאך איז געווען מיט דער צדיקת חנה - וואס פון איר לערנט מען ארויס הלכות תפלה. חנה האט געהאט א געוואלדיגן רצון אראפצוברענגען דעם הייליגן שמואל הנביא, וואס ער איז געווען דער גרויסער מנהיג ישראל און דער ׳ממליך מלכים׳. האט זי זיך אוועקגעשטעלט דאווענען מיט אזא מין קשר, מיט אזא מין טיפקייט און הארץ, און מיט אזא מין אמונה אז זי וועט זיכער ארויסגיין פון דא מיט א ישועה, אז זי איז אינגאנצן ארויסגעגאנגען פון די טבעיות׳דיגע חושים און פון דער שכל׳דיגער התנהגות. און דערפאר איז געווען ״ויחשבה עלי לשיכורה״ - עלי האט געמיינט אז זי איז א ׳שיכורה׳, ווייל א מענטש מיט דעת דאוונט נישט אויף אזא אופן! נאר בלויז א שיכור וועלכער פארלירט זיינע געווענליכע חושים און שכל. אבער אינ׳אמת׳ן איז דאס געווען דער כח פון חנה, אז ווען עס איז געקומען צו אויס׳פועל׳ן א שמואל הנביא, האט זי אוועקגעלייגט דעם שכל, און זיך אויסגעגאסן דאס גאנצע הארץ פארן אייבערשטן. און דערפאר שטעלט דער בעל הטורים צוזאם די דריי אינאיינעם, ווייל סיי אברהם - וואס ער איז אודאי געווען דער וואס האט דאס אוועקגעשטעלט אויף שפעטער - סיי תמר און סיי חנה, האבן אלע באוויזן דעם כח פון ׳לבבו נאמן׳: צו לייגן דעם שכל אין א זייט, און זיך מבטל זיין די רמ״ח אברים און שס״ה גידים, און דעם גאנצן שכל און דעת - צום רצון ה׳ און צו אמונה פשוטה, וואס דאס איז דער תכלית פון אלעם.

## דברי כיבושין

**היוצא** לנו מזה: פון דעם זעט מען, אז דער תכלית איז 'אמונה פשוטה'. אודאי דער וואס האט שכל, דער וואס האט די גרויסע השגות, האט אן עקסטערע חלק העבודה, [און] אן עקסטערן שכר פאר דעם עבודות וואס ער [שטעלט צו], אבער סוף כל סוף קומט מען [אן צום תכלית] מיט אמונה פשוטה.

**מען** זאגט נאך א מעשה פון בעל שם טוב הקדוש, ער איז דורכגעפארן דעם [טייך] נעסטער, האט מען אים געפרעגט: וויאזוי איז ער דורכגעפארן? [האט ער געענטפערט]: "נאר מיט אמונה פשוטה!". דער [גרויסער] בעל שם טוב הקדוש [איז געגאנגען נאר] מיט אמונה פשוטה, [כאטש ער האט דאך געהאט אזעלכע] גרויסע השגות. דער דגל[ב] ברענגט דאס. על כל פנים, דאס [אמונה פשוטה] איז דער תכלית.

**קומט** דאך אויס, אז דאס דור איז א דור פון עקבתא דמשיחא, דאס איז די 'בחינת רגלים', אזוי ווערט דאס אנגערופן אין די ספרים[ג]. 'רגלים' דאס איז דאך דער היפוך פון 'מח', דאס [הייסט, אז דאס] איז א דור אן [קיין] השגה. אבער די 'אמונה פשוטה' איז אזוי שטארק! וואס מיר ווייסן [טאקע], דאס מסירות נפש וואס אידן האבן געהאט נעבעך ביי די צרות (ביים קריג), וכדומה. [און] עס איז דא היינט [אויך], אפילו אין דעם דור [א שטארקע אמונה פשוטה], מען האט נישט קיין השגה און מען האט נישט קיין ערך. איך האב געהערט ממש רעדן, [אזעלכע] אידן - וואס פשטות פארנעמען [זיי] נישט קיין פלאץ [צווישן די חשוב'ע אידן] - אבער [עס] קומט [דאך] אויס צו רעדן, בין איך ארויס פון די כלים! ממש [אזא] אמונה! מיט אן אמונה [וואס איז] קשורה בלבו! מיט אמונה [צו] מקבל זיין יסורים באהבה! מיט

---

ב בפרשת וישלח ד"ה עי"פ כי במקלי: "**על דרך שסיפר אא"ז נ"ע זללה"ה שפעם אחת עבר הנעסטר בלי שום שם, רק היה מניח חגורו ועבר עליו. ואמר שבאמונה גדולה הוא שעבר**".

ג עי' אהבת שלום פרשת שלח ד"ה א"י שלח לך: "על ידי המשכת המוחין וכו' זוכים להעלות **הרגלים** בחינת עקב, בחינת **עקבתא דמשיחא**".

אזא מין אמונה פשוטה, מיט א פשיטות: "אז עס קען גארנישט זיין אנדערש! אודאי נאר אזוי!".

**עס** שטייט דאך (מכילתא בשלח ו'): "אין ישראל נגאלים אלא בזכות האמונה". און קען זיין אז דאס מיינט מען די 'אמונה פשוטה' וואס דאס איז גאר גרויס. און דער אויבערשטער זאל העלפן, [אז עס זאל זיין] "ויחשבה לו צדקה", אז דער אויבערשטער זאל אונז אריינגעבן אמונה פשוטה! ער זאל מיט אונז טון צדקה, [אז] מיר זאלן זיין מאמינים באמת ובלב שלם, מקיים זיין די תורה 'בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך'.

**זאלן** מיר זוכה זיין טאקע, צו א יאר פון שפע ברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות, יעדער איד זאל געהאלפן ווערן מיט משאלות לבו לטובה, און דער 'זכות אבות יגן עלינו', מיר זאלן זוכה זיין צו דער גאולה שלמה במהרה בימינו אמן.

## דיבורים וסיפורים - ממה שסיפר תחת השיחים במשך השנים

**הרה"ק רבי מנחם מענדל מקאסוב זי"ע בן הרה"ק רבי יעקב קאפל חסיד**

**בעל 'אהבת שלום' - י"ז חשון תקפ"ו לפ"ק**

### געשפירט 'אוירא דארץ ישראל' אויפן ציון

**דער** פשעווארסקער רבי, ר' יאנקעלע ז"ל איז אמאל געווען דאהי ביי מיר אין שטוב, איז דער וויזניצער רבי, ר' מאטעלע ז"ל אריבערגעקומען צו אים אויף א באזוך. און זיי זענעןביידע געזעסן שטיל, און קיינער האט נישט אנגעהויבן צו רעדן קיין ווארט. ווייזט אויס, אז ר' יאנקעלע האט נישט געוואלט אנהייבן צו רעדן תורה בפניו פונעם וויזניצער רבי'ן, האט זיך ר' יאנקעלע ז"ל אנגערופן: "איך, אויב איך האב נישט קיין תורה, גיב איך זיך אן עצה מיט א מעשה...". און ער האט אים דערציילט די פאלגענדע מעשה פונעם 'אהבת שלום'.

**דער** שינאווער רב זצ"ל איז אמאל געקומען קיין קאסוב צו הרה"ק רבי יעקב שמשון זצ"ל, א זון פונעם תורת חיים, (ער האט געהאט א גרויסן פאטער, און ער אליינס איז אויך געווען א גרויסער מענטש). נאכן דאווענען האט ר' יעקב שמשון איינגעלאדנט דעם שינאווער רב אויף אָנבייסן (פרישטאג). האט דער שינאווער רב געזאגט: "גוט, אבער איך וועל קודם גיין אויפן ציון פונעם אהבת שלום". איז ער געגאנגען, און דער שינאווער רב האט זיך דארט פארזוימט גאר א לענגערע צייט. ווען ער איז צוריקגעקומען, האט אים ר' יעקב שמשון געפרעגט: "שינאווער רב, וואס האט אזוי לאנג גענומען ביי אייך אויפן ציון?". האט ער אים געענטפערט: "איך ווייס נישט וואס, אבער איך האב דארט געשפירט 'אוירא דארץ ישראל', האב איך זיך נישט געקענט פועל'ן אוועקצוגיין". איז ר' יעקב שמשון זייער נתפעל געווארן, אז ער איז ממש ארויס פון די כלים, און ער האט זיך אנגערופן: "אויב אזוי, וועל איך אייך דערציילן א מעשה". און ער האט אים דערציילט די פאלגענדע מעשה:

**הרה״ק** דער סטרעליסקער זצ״ל איז געווען א שוואגער מיט הרה״ק דער אהבת שלום זצ״ל[ד]. אמאל זענען זיי ביידע געווען ביי הרה״ק רבי ארון לייב, און הרה״ק רבי מאיר׳ל פרעמישלאנער זצ״ל איז נאך דעמאלט געווען א אינגל. נאכדעם ווי זיי זענען ארויס פון שטוב, פרעגט אים זיין פאטער - הרה״ק ר׳ ארון לייב זצ״ל: ״מאיר׳ל, ווער פון די צוויי געפעלט דיר בעסער?״. האט ער געענטפערט: ״דער שווארצער![ה]״ - דאס האט געמיינט דער סטרעליסקער. האט רבי ארון לייב געזאגט: ״ זיי זענען ביידע צדיקי אמת, נאר ער [דער סטרעליסקער] **איז ממשיך אוירא דארץ ישראל בחייו**[ו], און ער [דער אהבת שלום] **וועט ממשיך זיין אוירא דארץ ישראל לאחר פטירתו**!״. און דאס האט דער שינאווער רב דארט געשפירט זייענדיג אויפ׳ן ציון.

[ד] הרה״ק רבי אורי מסטרעליסק זי״ע נשא (בזו״ש) בתו של הרה״ק רבי יעקב קאפיל חסיד זי״ע - אביו של בעל אהבת שלום.

[ה] דער סטרעליסקער האט געהאט שווארצע האר און דער אהבת שלום האט געהאט רויטע האר.

[ו] און דערפאר איז דער סטרעליסקער בעסער געפעלן פאר רבי מאיר׳ל, ווייל רבי מאיר׳ל האט **יעצט** מרגיש געווען אויף אים קדושת ארץ ישראל. אבער ר׳ ארון לייב האט געזען אויף נאך ווייטער, אז דער אהבת שלום וועט לאחר פטירתו ממשיך זיין קדושת ארץ ישראל.